# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Shmuesn Mitn Talin Un Gefelshte Geshikhte/ Conversations With the Hangman and False History

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/259673hv

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

### Author
Lilly Berger, Lili Berger/

### Publication Date
1980

### Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# אַפּריל 1943
# כבוד דעם אָנדענק פון אונדזערע

לילי בערגער /פּאַריז

## „שמועסן מיטן תלין“ און געפעלשטע געשיכטע

דער תלין איז דאָ איינער פון די אַממיינסטן רישעותדיקע און בלוטיקע דייטשע קריגס־פאַרברעכער, אירגען סטראָפּ, דער וואָס האָט אויסגעמאָרדעט די לעצטע יידן פון וואַרשעווער געטאָ. די שמועסן מיט אים האָט דורכגעפירט אַ פוילישער אַנטי־היטלעריסטישער קעמפער פון דער א. ק. (אונטערערדישע לאַנדס־אַרמיי) קאַזימיערזש מאָטשאַרסקי, וועלכן די קאָמוניסטישע הערשערס אין פוילן האָבן אַריינגעוואָרפן אין אַ תפיסה־קעמערל וווּ ס׳איז געזעסן סטראָפּ און נאָך אַ צווייטער עס־עס־מאַן. מאָטשאַרסקי, אַ פוילישער יוריסט, זשורנאַליסט, איז ווי אַ סך אַקאָווצעס אין 1945 אַרעסטירט געוואָרן, פאַרמשפט געוואָרן צום טויט, באַגנעדיקט געוואָרן און במשך פון 225 טעג, בעת וועלכע ער איז געזעסן צוזאַמען מיט סטראָפּן, אָנגערעגט דעם תלין אים צו דערציילן וועגן זיינע מעשים תעתועים. נאָך זיין באַפרייונג, אין 1950, האָט ער במשך אַ סך יאָרן ביסלעכוויז אַרויסגעצויגן פון זכרון אַלץ, וואָס סטראָפּ האָט אים דערציילט און ערשט אין 1977, מער ווי צוויי יאָר נאָכן טויט פון מחבר, איז דערשינען דאָס בוך „שמועסן מיטן תלין“, וואָס איז געוואָרן אין פוילן אַ „בעסט סעלער.“

האָב איך געהאַט געלייענט דאָס בוך מיט גרויס צער און צאָרן — מיט גרויס צער דערזעענדיק אויפסניי דעם יידישן אומקום, מיט צאָרן צוליב די גראָבע פעלשונגען — נישט בדעה געהאַט זיך אומצוקערן צו דעם. מ׳האָט אַזוי פיל אין פוילן געפעלשט און מען פעלשט ווייטער די געשיכטע פון יידישן אומקום, דער עיקר פון יידישן ווידערשטאַנד, איז נאָך אַן אומפאַרשעמטע פעלשונג. איז אָבער איצט דערשינען דאָס בוך אין דער פראַנצויזישער איבערזעצונג און דאָס אין איינעם פון די גרעסטע פראַנצויזישע פאַרלאַגן, ביי „גאַלימאַר“ און אין צוגעשיקטן מיר חודש־בולעטין אין וועלכן דער פאַרלאַג מאַכט באַקאַנט די דערשינענע ביכער, איז פאַראַן דערהויבענע אָפּהאַנדלונג וועגן די „שמועסן מיטן תלין.

מיר איז נישט בקאַנט ווער ס׳האָט זיך באַמיט דאָס בוך זאָל דערשיינען אין פראַנצויזיש, אין אַ צייט ווען צוליבן קריזיס איז נישט לייכט צו דערגרייכן, אַז אַ בוך זאָל איבערגעזעצט ווערן, בפרט ווען דער מחבר גופא האָט זיך נישט געקאָנט מיען ווייל ער לעבט שוין נישט כמעט פינף יאָר. דאָס בוך איז אויך אין פוילן דערשינען מער ווי צוויי יאָר נאָך זיין טויט און ווער ווייסט אויף וויפל דער מאַנוסקריפט איז אין פרט פון מערערע רעטונגס־אַקציעס מצד פאָליאַקן לגבי יידן, צוגעפּראַוועט געוואָרן דורך די משגיחים איבערן געדרוקטן וואָרט.

אַוודאי איז דאָס אַ טרויעריק, באַלערנדיק, אָריגינעל בוך, ווייל וועגן נאַציזם, זיינע אומגעהויערע פאַרברעכנס און די נאַצישע פאַרברעכערס דערציילט סטראָפּ גופא דורך סטראָפּס ביאָגראַפיע, זיינע רציחות און בלוטיקע פאַרברעכנס באַגאַנגענע אין די אָקופּירטע לענדער, און אויך קעגן די אייגענע פאַרשולדיקטע, באַקומען מיר אַ בילד פון נאַציזם און זיינע גרויזאַמע הערשער. ווען נישט די

# אַפּריל 1980

# קדושים און גיבורים!

אָנגעגעבענע פּינקטלעכע דאַטעס און אַן אַ שיעור געטריַע ציפערן וואָס סטראָפּ האָט אים איבערגעגעבן און וואָס זענען מיר אויס צו זיין אוממעגלעך איינצוהאַלטן אַזוי פיל יאָרן אין זכרון, ווייל מאָטשאַרסקי האָט אין תּפיסה נישט געהאַט קיין פּאַפּיר און נישט קיין בלייפעדער צו פאַרצייכענען, ובכן חוץ צווייפלהאַפטע פּינקטלעכקייטן, איז דאָס בוך אַ מין פּסיכאָלאָגישער און סאָציאָלאָגישער שטודיום איבערן נאַציזם און די נאַציסטן, איבער דער היטלעריסטישער דערציִונג, וואָס האָט אַרויסגעריסן פון זיינע אָנהענגערס יעדן מענטשלעכן פונק.

דער תּלין אייגן סטראָפּ גופא דערשיינט אין בוך ווי אַ טעמפּער מיליטערמאַן אָן שום מענטשלעך געפיל, אָן אינטעליגענץ, ווי אַ בלינד־איינגעגלייבטער אין היטלערן, הימלערן און אין דער גערמאַניש־נאָרדישער ראַסן־העכערקייט. הגם ער דערציילט וועגן די געניאַלע איינפאַלן פון די יידן ביים בויען בונקערס, אונטערדישע היילן, דורכגענג כדי זיך צו ראַטעווען, וועגן זייער אויסדויער און וועגן דער באַזונדערער העלדישקייט פון די קעמפערישע יידישע מיידלעך, האָט ער ווייטער אין תּפיסה געפּריידיקט דעם נאַציזם, געהאַלטן אַז דערהרגענען יידן איז ווי דערהרגענען אַ הונט ווייל זיי זיינען קיין מענטשן נישט. טראָץ דעם וואָס ער איז שוין איין מאָל געהאַט געווען פאַרמשפּט צום טויט דורך אַן אַמעריקאַנעם טריבונאַל אין דייטשלאַנד פאַר האָבן דערמאָרדעט אַמעריקאַנער געפאַנגענע פּילאָטן איז ער פאַרבליבן דער זעלבער גרויזאַמער נאַצי, נישט אַרויסגעוויזן אין זיינע שמועסן קיין שום געפיל פון חרטה, קיין פונק געוויסנביסן אויף זיינע בלוטיקע פאַרברעכנס, וואָס ער איז באַגאַנגען.

אגב אַזעלכן האָב איך סטראָפּן געזען און געהערט אויף זיין פּראָצעס זומער 1951. ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער דעמאָלטיקער פּרעסע־אַגענץ „טעלעפּרעס“ בין איך אַלע דריי טעג געזעסן אין געריכט־זאַל אויף דער זשורנאַליסטן־באַנק און צוגעקוקט זיך צום תּלין און זיך צוגעהערט צו זיינע ענטפערס אויף די פראַגן פון טריבונאַל. אויסגעצויגן שטייף, אין דער פּאָזע פון אַ מיליטערמאַן האָט ער אויף אַלע פראַגן וועגן זיין שולד געענטפערט: „אומשולדיק! אומשולדיק!“ מיט אים צוזאַמען איז געמשפּט געוואָרן אַ געסטאַפּאָוועץ מיטן נאָמען קאָנראַד, וועלכער האָט זיך פון מאָל צו מאָל פאַרלוירן, פאַרפּלאָנטערט אין די ענטפערס. דער תּלין סטראָפּ האָט חוצפּהדיק געלייקנט שטיין אוןביין, נישט אַרויסגעוויזן קיין שום באַדויערן אויף זיינע בלוטיקע מעשים. און מען דאַרף זאָגן, אַז מאָטשאַרסקי האָט אין זיינע רעלאַציעס פון די שמועסן מיטן תּלין אַרויסגעבראַכט אים אמתדיק, אַזוי ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט געווען.

און נאָך אַ פּרט, וואָס האָט זיך מיר געענוי פאַרגעדענקט אין שייכות מיטן פּראָצעס וואָס מאָטשאַרסקי דערמאָנט. מיר זענען דעמאָלט אויפן פּראָצעס געווען אַ קליינע צאָל זשורנאַליסטן־קאָרעספּאָנדענטן (זיבן אָדער אַכט) און אייניקע פון אונדז האָבן געשטוינט פאַרוואָס דער געריכט־זאַל איז געווען אַזוי ליידיק און פאַרוואָס די פּוילישע פּרעסע גיט אָפּ אַזוי ווייניק אָרט דעם פּראָצעס. איך בין אין די יאָרן 1950־51 ביי געווען ווי אַ קאָרעספּאָנדענט אויף פיל פּראָצעסן פון „אקאָוצעס“. דער גרויסער זאַל אין יעדעס מאָל געווען איבערפולט. מען פלעגט ברענגען מיט לאַסט־אויטאָס אַרבעטער פון פאַבריקן זיי זאָלן זיך צו־

הערן צו די באַשולדיקונגען פון פּראָקוראָר. אויפן סטראָף־פּראָצעס איז געווען אַזוי ווי מ׳וואָלט בשום אופן נישט געוואָלט פאַר דער עפנטלעכקייט אויפמישן דאָס קאַפּיטל פון דער יידישער פאַרניכטונג. דאַרף מען דערמאָנען מאַטשאַרסקיס ערלעכקייט אין דעם פרט וואָס ער שטרייכט אונטער אין קאַרגע ווערטער אין בוך, אַז דער פּראָצעס איז אַדורך אין דער שטיל.

עד כאן וואָלטן די שמועסן מיטן תלין געקאָנט בילדן אַן אייגנאַרטיקן דאָקומענט וועגן נאַציזם און זיינע פאַרברעכנס, אמתדיקע רעלאַציעס וועגן יענע פינצטערע צייטן. איז אָבער אין בוך פאַראַן דאָס קאַפּיטל וואַרשעווער געטאָ און סתם די באַציונג פון פּאָליאַקן צו די גערודפטע און געמאָרדעטע יידן. און ס׳הייבט זיך אָן די מעשה מיט די אויסערגעוויינלעכע רעטונגס־אַקציעס, וואָס פּאָליאַקן האָבן אונטערגענומען צו ראַטעווען יידן און די נאָך מער אויסגעצויגענע פון די פינגער מעשה וועגן דער גרויסער, אַקטיווער באַטייליקונג פון פּאָליאַקן אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אַלץ הייסט באַטייליקונג? פּאָליאַקן פון אַלע ריכטונגען, חוץ די עקסטרעם־רעכטע, פון אַלע אונטערערדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס האָבן געקעמפט אין געטאָ האַנט ביי האַנט מיט יידן, געטאָן אַלץ וואָס מ׳האָט געדאַרפט צו העלפן די יידן אויסען געטאָ, געשטאַנען גרייט ביי די געטאָ־מויערן, געהאָלפן צוגרייטן דעם אויפשטאַנד, באַוואָרנט פריער מיט געווער, געלערנט די ייד אַליין צו פאַבריקירן פאַרשידענע אויפרייס־מאַטעריאַלן. מיט איין וואָרט, פּאָליאַקן זענען געווען די אמתע שותפים צום אויפשטאַנד, און סטראָפּ האָט מער ווי פאַר די יידישע קעמפער מורא געהאַט פאַר די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אַקטיוו געקעמפט אין געטאָ און פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג, וואָס האָט פון דער נאָענט און וויט מיט די געפילן און געדאַנקען באַגלייט די יידישע קעמפער.

אמת, מיר זעען דאָ די יידישע אויפשטענדלער אין זייער אומגעהויערער העלדישקייט. חדשים לאַנג נאָך דעם ווי דער געטאָ איז צעשטערט געוואָרן האָבן באַזונדערע גרופּעס יידישע קעמפער נאָך געשאָסן אויף די דייטשן. און די רציחות פון די דייטשן לגבי דער געטאָ־באַפעלקערונג זענען אין לשער; אָבער אויך פּוילישע מיטבאַטייליקטע אינעם אויפשטאַנד באַצאָלן מיט זייער לעבן אין געטאָ. און סתם האָבן די דייטשן ביים לייזן דעם יידן־פּראָבלעם די גרעסטע שטערונגען געהאַט מצד דער פּוילישער באַפעלקערונג, ווייל ווי מיר לייענען—„די פּוילישע אינטעליגענץ, דאָס בירגערטום און די קאַטוילישע גייסטלעכע האָבן כסדר ממשותדיק אונטערגעהאַלטן די יידן. אויך די פּוילישע פּויערים האָבן זיי געטראָגן הילף, אויסבאַהאַלטנדיק זיי אין די שייערן, קעלערס, אין די סנאָפּעס תבואה. אפילו די אוקראַינישע פּויערים האָבן זיי צייטנווייז געהאָלפן, הגם זיי האָבן אויך מיטגעאַרבעט צו ליקווידירן די יידן...“ צומאָל די פּוילישע פּאָליציי, די טרויעריק־באַרימטע „גראַנאַטאָווע“ פּאָליציי, האָט געהאָלפן יידן. די הילף פון פּוילישע אָרגאַניזאַציעס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ס׳איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלע מיליטערישע אויסשפּיר־נעץ, וואָס האָט שפּיאָנירט די דייטשן און אונטערגעטראָגן אַלע ידיעות דעם געטאָ, כדי די יידן זאָלן באַצייטנס קאָנען צוגרייטן זייער פאַרטיידיקונג. באַזונדערס זענען געווען די אויפטוען פון די פּוילישע פּאַרטיזאַנער ביים אָרגאַניזירן די רעטונגס־אַקציע פון יידן דורך די קאַנאַלן.

אַזוי שפּרייטן זיך אויס אויף צענדליקער און צענדליקער זייטן פונעם בוך די שילדערונגען וועגן דער הילף וואָס פּאָליאַקן האָבן געטראָגן די טויט־באַדראָטע יידן און וועגן דעם אַקטיוון אַנטייל פון פּוילישע פּאַרטיזאַנער אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. און ווי דערמאָנט שוין האָבן נישט נאָר די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס געוואַכט איבערן געטאָ־אויפשטאַנד, געשלאָגן זיך ביי דער זייט פון די יידישע אויפשטענדלער, נאָר די גאַנצע באַפעלקערונג פון פּוילן האָט מיט אַ ציטער אין האַרץ נאָכגעפאָלגט די געשעענישן די געטאָ. איז ווען כ׳האָב געלייענט ווי אַזוי די וואַרשעווער באַפעלקערונג האָט מיט טרויער אין די אויגן

געוואָנדן די בליקן צום ברענענדיקן גע־
טאָ, איז מיר אין זכרון אויפגעקומען די
באַשרייבונגען פון באַקאַנטן יידיש־פּוי־
לישן שרייבער אַדאָלף רודניצקי, דער
שילדערער פון וואַרשעווער געטאָ און
דעם אויפשטאַנד. ער, דער לעבעדיקער
עדות האָט געקוקט פון דער נאָענט, פון
דער אַרישער זייט, אויפן ברענענדיקן
געטאָ און געזען ווי אַזוי די פּוילישע באַ־
פעלקערונג האָט רעאַגירט. ס'וועט גענוג
זיין צו ציטירן בלויז אייניקע זאַצן פון
זיין נאָוועלע „פּסח“: „מ'איז געלאָפן הינ־
טער די געטאָ־ווענט צו קוקן אויפן ספּעק־
טאַקל. דער המון איז געלאָפן אויפן וואַר־
שעווער פּסחאַדיקן ספּעקטאַקל.“ „דאָס
קליינוואַרג פליט דאָרט פון די פענצטער
ווי אַרבעס און אַלטע אויך“ — האָט מען
זיך איבערגעגעבן“. „זיי האָבן געקוקט
און באַדויערט די סחורות, די פאַרמעגנס,
דאָס גאָלד, דאָס לעגענדאַרע יידישע גאָלד
און קודם כל האָבן זיי באַדויערט די וווי־
נונגען, די הייזער. ייז האָבן געזאָגט: צי
האָט דער קעניג היטלער אַנדערש נישט
געקאָנט לייזן די פּראָגע?“... „די אויפ־
רייסן האָבן אויפגעטרייסלט די ערד, די
גאַסן, אָבער נישט דאָס געוויסן פון די
מענטשן.“

די און ענלעכע אמתן האָט אַרויסגע־
בראַכט אַ שרייבער אָן עדות. און רודניצ־
קי איז נישט דער איינציקער עדות. נאָך
דער מלחמה זענען נישט ווייניק אַזעלכע
גבית־עדותן געדרוקט געווען אין פּוילן.
היינט וואָלט מען דאָס נישט געדרוקט.
היינט דרוקט מען און מען פאַרשפּרייט
אפילו אין אויסלאַנד נישט געשטויגענע
און נישט געפלויגענע מעשות וועגן גרויסע
הילף־אַקציעס מצד פּאָליאַקן לגבי יידן.

אמת, אין די „שמועסן מיטן תלין“ דער־
ציילט סטראָפּ וועגן דער כסדרדיקער
הילף וואָס פּאָליאַקן האָבן געטראָגן פאַר
די יידן און וועגן זייער אַנטייל אין געטאָ־
אויפשטאַנד. אָבער ווען עס האָט זיך
געהאַנדלט וועגן אַנדערע ידיעות, איבער־
געגעבענע דורך סטראָפּן, האָט מאָטשאַר־
סקי, ווי ער דערציילט, נאָכן אַרויסגיין
פון תפיסה לאַנג און גענוי קאָנטראָלירט,
איבערקוקנדיק דאָקומענטן, ביכער וועגן
יענע געשעענישן, געזוכט און גענישטערט
זיך צו פאַרזיכערן צי דאָס וואָס סטראָפּ
האָט אים דערציילט שטימט מיטן היס־
טאָרישן אמת. פרעגט זיך: פאַרוואָס האָט
ער נישט קאָנטראָלירט סטראָפּס ידיעות
וועגן גרויסן אַנטייל פון פּוילישע פּאַרטי־
זאַנער אין געטאָ־אויפשטאַנד? פאַרוואָס
האָט ער זיך ניטש געוואָנדן צו גבית־
עדותן, צו היסטאָרישע דאָקומענטן, אויב
ער האָט סטראָפּן נישט געהאַלטן פאַר
באַגלייבט אין אַנדערע ענינים?

ס'איז אָבער שווער צו מאַכן אין גאַנצן
פאַראַנטוואָרטלעך פאַר פעלשונגען אַ
מחבר בעת זיין בוך איז דערשינען מער
ווי צוויי יאָר נאָך זיין טויט. אויך פאַרן
לעבן קאָן מען אַזוי צופראַווען אַ טעקסט,
אַז דער מחבר זאָל עס דערנאָך נישט דער־
קענען. ס'איז מיר אגב אַביסל פאַרדעכ־
טיק דער פאַקט וואָס אין אַ בוך מעמואַרן
פון אַ מענטש, וועלכער איז אומשולדיק
געהאַט פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, אַזוי
פיל יאָרן (פון 1945 ביז 1956) אָפּגעזעסן
אין תפיסה און האָט נישט מורא געהאַט
צו שרייבן, אַז דער תלין סטראָפּ איז גאָר
גוט באַהאַנדלט געוואָרן אין דער פּוילי־
שער תפיסה, באַקומען צומאָל טאָפּעלע
פּאָרציעס, און וועגן זיך גופא, וועגן זיינע
איבערלעבענישן איז כלל נישט דערמאָנט.

ווי ס'זאָל נישט זיין זענען פאַראַנט־
וואָרטלעך פאַר די גראָבע פעלשונגען די
אָפיציעלע קרייזן, וואָס קענען גוט דעם
טרויעריקן אמת וועגן די באַציונגען מצד
די פּאָליאַקן צו די געראָדפטע און געמאַר־
דעטע יידן: פאַראַנטוואָרטלעך איז דער
מלוכה־פאַרלאַג, וואָס קאָנטראָלירט גע־
וויינלעך גענוי יעטוועדע מינדסטע זאַך
וואָס ער גיט אַרויס. נאָך מער אָפּשטויסנ־
דיק זענען די פעלשונגען ווען זיי ווערן
אַרויסגעטראָגן אויסער פּוילן צו ווייזן
דער וועלט, אַז פּאָליאַקן האָבן זיך מקריב
געווען צו ראַטעווען יידן און אַז אין
וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָבן גע־
קעמפט און אומגעקומען פּוילישע פּאַרטי־
זאַנער ביי דער זייט פון יידישע אויפ־
שטענדלערס.

און אַזאַ איז, אַ סברה, געווען דער ציל
פון די באַמיונגען ס'זאָל איבערגעזעצט
ווערן אין פראַנצויזיש דאָס בוך „שמועסן
מיטן תלין“.